Informat legal.
28. DEC. 1927
CENZURAT.

# המבשר טוב

איין מאנאטס-בלאטט וועגען עניני האמונה און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...״
(ישעיה נ״ב, 7).

„ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...״
(ברית הדשה: מרק ט״ז 15).

„ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פוס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גיטס גיבן צו הערן די ישועה...״
(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״
(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

קישינעוו. 1926. No. 11—12.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## דער משיח „שר הפנים״ „שילה״.

פון מ. ג.

ישעיה הנביא האט אונז בעפאר געזאגט וועגן דעם ילד „פלא״, (זעה דארט דאס 9־טע קאפיטל), און די אידען, די בני יעקב, די וואס שטעהען ראש השנה אין שול און שרייען און וויינען און בעטען דעם אל מלא רחמים: „בשם שקבלת על ידי אליהו ז״ל וישוע שר הפנים״, זיי וועלכע דער מלאך הפנים האט אויסגעלייזט מיט זיין ליבשאפט, אט די זעלבע, מרו, ועצבו את רוח קדשו. איך, בני ישראל, מיינט דער נביא! איהר, וואס שטעהט איינגעהילט אין אייערע טליתים איבער דעם קאפ מיט די טרערן אין די אויגן און אויף דעם מחזור, אויף איך זאגט דאס דער נביא „והמה מרו ועצבו את רוח קדשו״. נאך דעם גאנצען געוויין, נאך דעם גאנצען געשריי, נאך גאנצען געבעט לויפט איהר אהיים פון שול מיט דעם זעלבען האס, מיט די זעלבע שנאת חנם צו דעם מלאך, וואס איהר האט געבעטן אין זיין נאמען. גאט האט געזאגט „זכרון תרועה מקרא קודש״.

אבער וואס קען איך דאס העלפען, ווען איהר זייט שונאים צו דעם ישוע שר הפנים, וואס דורך איהם מוזן אייערע תרועות קומען צו הקב״ה? ניין, ברידער! ניט וואס אים ראש השנה אליין זאלט איהר מודה זיין, אז ישוע איז דער שר הפנים, דער גואל ישראל, נאר יעדן טאג, נאר יעדע וואך, יעדען חודש דארפט איהר לויבן השי״ת פאר דעם חסד, וואס ער האט אייך געגעבן דורך דעם ישוע שר הפנים.

נאך אזאך וויל איך, אז מיר זאלן דורך—זעהן זעהר פארזיכטיג. דאס איז „לכה דודי״, וואס מיר זאגען ביי קבלת שבת. איך וויל נעהמען איין פסוק, „התנערי מעפר קומי״... טרייסעל דיך אב פון שטויב, שטעה אויף. לבשי בגדי תפארתך עמי, קליידע דיך אן מיט די קליידער פון די שיינקייט, מיין פאלק, על יד בן ישי בית הלחמי, דורך דעם זוהן פון ישי, פון בית לחם, קרבה אל נפשי גאלה איז איין ערלייזונג נאוועגט צו מיין זעעל״.

אידישע ברידער! איך וויל, אז מיר זאלן דאס בעסער פערשטעהן, ווי אונזערע אידן פערשטעהן דאס. שטעה אויף פון שטויב! ווערט מען דאך פרעגן: „צו ליעגט דאס אידישע פאלק הו"ש אין שטויב?" נאר דאס מיינט דער פסוק: דעם אידישן גלות. „צי אן דאס קלייד פון שיינקייט, עמי, מיין פאלק". ווייסטו אבער, איד, ווער דאס קלייד איז, אונד דורך וועמן דו קענסט עס קריגן? „על יד בן ישי בית הלחמי", דורך דעם זוהן פון ישי, וואס איז ארויס געקומען פון בית־לחם. „קרבה אל נפשי גאלה", דענסמאלט וועסט דו, איד, האבען די ריכטיגע ערלעזונג, די אמת'ע גאולה. היינט ווייסט איהר, ווער דער בן ישי בית הלחמי איז? דאס איז דער זעלבער ישוע שר הפנים, וואס איז געבוירן געווארן אין בית לחם, אזוי ווי דער נביא מיכה האט געזונט קאפ' ה' 1 און ער איז ארויס געקומן פון ישי, דער פאטער פון דוד המלך.

יעצט וועלן פיעלע לעזער פרעגן: „וואס טייטש? איין מאל זאג איך, אז ישוע איז דער מלאך פלא, און א צווייטן מאל זאג איך אז ישוע איז דער זוהן פון דוד המלך. און נאך אמאל זאג איך, אז ישוע איז דער בן אלהים. ווי אזוי קען דאס זיין?" אבער ליבער לעזער! עס איז געווים אזוי, וויל די הייליגע תורה האט אונז אזוי נעזאגט. קומט, וועלן מיר זעהן, צוא עס איז ריכטיג. דער נביא ירמיה זאגט אונז, אז דער משיח וועט זיין נאט אליין, ער זאגט: „הנה ימים באים נאום ד' והקמותי לדוד צמח צדיק ומלך מלך והשכיל ועשה משפט וצדקה בארץ בימיו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח וזה שמו אשר יקראו ד' צדקנו", — „עס וועט קומן א צייט, זאגט נאט, און איך וועל אויפשטעלן צו דוד'ן א גערעכטע שפראצונג, און ער וועט רעגירן אלס קעניג, און ער וועט זיין קלוג, און ער וועט מאכן משפט און צדקה אין דעם לאנד, אין זיין צייט וועט יהודה געהאלפען ווערן, און ישראל וועט וואוינען אין זיכערהייט, און דאס איז זיין נאמען וואס מ'וועט איהם רופען: „גאט אונזער גערעכטיגקייט" (ירמיה כ"ג 6—5). דא קימען צו געהן אונזערע אידען און ווילען פערדרייען דעם פסוק. זיי גיבען אזוי איבער די ווערטער: „וזה שמו אשר יקראו ד' צדקנו", זיי שלעפען דעם „ד'" צו דעם ווארט „יקראו" אזוי קומט שוין אויס, אז דאס ווארט „צדקנו" בלייבט אליין. ערשטענס זאגט דער מצודת דוד: „וזה שמו של המשיח אשר יקראו איתו ישראל: ד' צדקנו". דער מצודת דוד גיט אליין צו, אז דער נומען פון משיח וועט זיין „ד' צדקנו". צווייטענס וועלן מיר זעהן נאך אזאך, דאס ווארט „יקראו" איז מיט א טראפ, וואס הייסט טפחה, און טפחה צייגט, אז דאס צווייטע ווארט „יקראו" קען זיך ניט צונויף בינדען מיט דעם ווארט „ד'". אונטער דעם ווארט „ד'" שטעהט אטראפ, וואס הייסט מרכא, וואס צייגט, אז דאס ווארט מוס זיך צונויף-בינדען מיט דעם ווארט וואס שטעהט דערנאך, דאס הייסט, אז דאס ווארט „ד'" מוס צוגעבונדען ווערן צו דעם ווארט „צדקנו".

א ביישפיעל וועלן מיר נעהמן פון דעם צווייטן פסוק. דער צווייטער פסוק. ענדיגסט זיך „את בני ישראל מארץ מצרים". דער טראפ פון „את בני ישראל" איז מרכא טפחה, דער זעלבער טראפ ווי ביי „וזה שמו אשר יקראו", און דער „מארץ מצרים" איז מרכא סוף פסוק אזוי ווי „ד' צדקנו". וויל איך פרעגען דא, די וואס ווילען ניט איינשטימען מיט מיר, צו וועלן זיי אויך דעם „מארץ" צו בינדען צו דעם „ישראל" און דעם „מצרים" לאזען אליין? געוויס ניט, וויל דער פסוק געהט אזוי: „את בני ישראל מארץ מצרים". דאס זעלבע איז אויך מיט דעם פסוק „וזה שמו אשר יקראו ד' צדקנו". יעצט וועלן מיר זעהן וואס לערנען מיר פון דעם פסוק וועגען דעם משיח? מיר קענען לערנען דעם משיח פון צווייטען, מיר זעהן דעם משיח אלס מענש פון דעם „והקמותי לדוד", דאס הייסט, אז פון דוד המלך וועט ארויס קומען דער משיח, אלס מענטש, און נאכהער זעהן מיר, אז דאס איז גאט אליין — „ד' צדקנו".

## „ברית עם".

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# דאס אייביגע פראבלעם.

פון ה. י. איינשפראך.

(פארטזעצונג)

## IV.

לאמיר איינענטליך זעהן וואס אידישע היסטאריקער, דענקער און כלל-טהוער, זאגן וועגן י ש ו ע. מיר ווילן דא באמערקן אז מיר גיבן נאר אן עטליכע מיינונגן. דען אויב מיר זאלן וועלן איבערגעבן אלע מיינונגען פון נײנצען־הונדערט יאהר, וואלטן זיי פערנומען עטליכע דיקע בענדער.

„די מעשה וואס די דערצעהלסט, וואלט אפילו א טויבן הערן געמאכט" (שעקספיר)

דער אידישער היסטאריקר

### ד"ר ה. גרעץ, שרייבט: Dr. H. Graetz

„איידעלקייט האט געווים אין א זעהר הויכן גראד דערפילט זיין הארץ. דורך א טיעף־זיטליכן ערנסט האט זיך אויסגעצייכנט זיין כאראקטער און דורך היילינקייט זיין לעבן, זיין ענוה און ליעבשאפט דארמאהנען אונז אן הלל הזקן, וועמן ער האט געזוכט אין אלע מעלות גלייך צו ווערן, און וועמענס ווערטער — „וואס דו ווילסט ניט, אז מ׳זאל דיר אנטהאן, זאלסטו ניט טהאן צו דיין חבר" — האט ער געמאכט צום יסוד פון זיין לעהרע. ווי הלל האט ער געהאלטן שלום און שלום מאכן פאר די גרעסטע מדות. זיין גאנצע פערזאן איז דערפילט געווען מיט יענע הויכע פרומקייט, וועלכע בענוגט זיך ניט מיט פרום־זיין א שעה, א טאג, א געוויסע צייט, ווען אלע זוכן פרום צו זיין, נייערט מיט די הויכע פרומקייט, וועלכע דענקט אן גאט ביי איטליכן טריט אין לעבן, וועלכע בעשעפטיגט זיך שטענדיג מיט גאט, דארט טיף, טיף אין דער נשמה, וועלכע בעהערשט אלע געדאנקן און געפיהלן, און טהוט מקרב זיין אלעס צו גאט, און פערטרויט גאנץ אויף איהם ווי א קינד אויף זיין מוטער. ער איז אויך געווען דערפילט מיט די מענשען-ליעבע, מיט וועלכע דאס אידענטהום הייסט אונז ליעבן אפילו אונזערע שונאים... ער האט זיך געפיהלט בערופן די פערלוירענע שאף פון בית ישראל צו רעטן — געווים א זעהר הויכער און אידלער בערוף... ער האט געוואוסט ווי די זינדר און די מוכסים, די פערלארענע און פערפאלענע ברואים, דורך זיינע רייד און זיינע מעשים טובים צו זיך צו ציהען, זייער הארץ צו דערפילן מיט ליעבע צו גאט, זייער כאראקטער צו פעראיידלן און צו היילינגן, זייער לעבן צו בעסערן, שענקענדיג זיי די האפנונג, אז אויך זיי וועלן אויפגענומען ווערן אין מלכות השמים — דאס איז דאס גרעסטע וואונדר וואס ער האט געטאן".

(„די אידישע געשיכטע" באנד 2, קאפיטעל VI. פילאדעלפיא, 1894. פערלאג פון The Jewish Publication Society of America).

דער אידישער היסטאריקער

### ד"ר י. מ. יאסט שרייבט: Dr. I. M. Jost

„טויזענדר אידן שעצן ישוע אלס זייער לעהרער און פריינד".

(„דאס אידענטהום און זייגע כחות", באנד 1, קאפיטל XII).

דער אידישער־פילאזאף

### ברוך שפינאזא — Buruch Spinoza

„קריסטוס איז ניט געוועזן אזוי פיעל א נביא, ווי ער איז געוועזן דאס מויל פון גאט... קריסטוס איז געקומען צו לערנען ניט נאר די אידן אליין, נייערט די גאנצע מענשהייט; און דערפאר איז עס ניט געווען גענוג דאס זיינע געדאנקן זאלן זיין באשרענקט צו די מיינונגן פון די אידן אליין, נייערט צו די אלגעמיין-פונדאמענטאלע לעהרן פון דער מענשליכער ראסע. — אין אנדערע ווערטער, צו די יוניווערזעלע און אמת׳ע אידעען".

(„טהעאלאגיש-פאליטישר טראקטאט", קאפיטל IV).

דער דענקר און שרייבר

### ישראל זאנגוויל — Israel Zangwill

„ישוע מוז בעקומען זיין אמת־בכבוד׳יגן פלאץ אין די רייען פון די קייט, פון די אידישע נביאים"

(„ענגליש אילוסטרירטער זשורנאל", דעצ. 1896, ז. 3)

דער אידישער מיליאנער און פילאנטראפ

## יעקב שיף — Jacob Schiff

„מיר אידן שעצן און האלטן בכבוד ישוע פון נצרת, אזוי גוט, ווי מיר טהאן אונזערע אנדערע נביאים".

(ציטירט פון וו. גידנעי׳ס „העגדבוק אף פאקטס״, ז. 134).

דער גרויסער דענקער און ציוניסט

## ד״ר מאקס נאָרדוי Dr. Max Nordau

„ישוע איז די נשמה פון אונזער נשמה, פלייש פון אונזער פלייש, ווער וואלט געקענט וואגען איהם צו פערשטויסן פונ׳ם פאלק ישראל?"

(„דזואיש קראָניקל״, דעצ. 15, 1899).

דער כלל טוער פון סאן פראנציסקא, קאליפ.

## ה. וויינשטאק — Harris Weinstock

„ישוע איז די גרעסטע מתנה וואס דער איד האט געגעבן צו דער וועלט".

(„דער איד ישוע און אנדערע רעדעס״, ז. 34).

דער רב פונ׳ם „סיני טעמפעל" אין שיקאגא

## ד״ר ע. ג. הירש Rabbi Emil G. Hirsch

„ישוע איז א איד, דורכגעדרונגן מיט דעם אידישן גייסט, און אויב עס האט וועמען געלעבט א גוטער איד, איז עס ער פון וועמען דאס „נייע טעסטאמענט" שרייבט".

(„איד און גוי״ ז. 25)

דער רב פון דער קאנגר. „רודף שלום" פון ניו-יארק. דר. ר. גראָסמאַן

## Rabbi Rudolph Grossman

„א לעהרער פון זיסע און הויכע אידעען, א פרעדיגער וועמענס איינפלוס עס איז געווען, און איז נאך עד היום, איינר פון די מעכטיגסטע פאקטארן אין דער וועלט".

(ראנדאל, „דהי יוניטי אף רעלידזשיאנס", ז. 156).

דער גרויסער ציוניסט און רב פון דער „פרי סינאגאג" אין נוי־יארק דר. סטיפען ס. וויז

## Rabbi Stephen S. Wise

„זיין לעבן, ווי אויך זיין לעהרע, איז געווען אויסדריקליך אידיש... מיר באטראכטן איהם פאר א אידישן לעהרער, א אידישן פיהרער און פאר א נביא אין ישראל..."

(„דאי אויטלוק", יוני 7, 1913).

דער רב פון דער קהלה. עמנו אל׳ פון ניו־יארק

## דר. יוסף זילבערמאן

## Rabbi Ioseph Silverman

„מיר בעוויינען און פארדאמען די קרייציגונג פון ישוע מנצרת. ער איז בלי ספק געווען דאס שענסטע וועזן וואס די נאטהור האט ווען עס איז ארויסגעגעבן; הויך און עדל אין זיינע טהאטן, א גרויסער, פיהרער און רעפארמער פון מענשן... ווען איהם קען מען באמת׳דיג זאגן אז אן אונשולדיגער מענש איז הינגעריכטעט געווארן".

(ניעלי „דהי פארלאמענט אף רעלידזשאנס" ז. 637).

דער פרעזידענט און פיהרער פון דער „דזשואיש רעליגדזשאס יוניאן" קלויד מאנטעפיאר

## Claude Montefiore

„דער מיכטיגסטער איד וואס האט ווען געלעבט צו וועמ די זינדער און די פערשטויסענע, יאהר איין, יאהר אוים זענען שולדיג א חוב פון דאנקבארקייט..."

(„דזשואיש קראניקל", יולי 14, 1899).

דער אידישנאציאנאלער און סאציאלער קעמפער

## דר. ח. זשיטלאווסקי

## Dr. Chaim Zhitlowsky

„יעדער איד דארף שטאלץ זיין מיט דעם וואס קריסטוס איז אונזער ברודער, פלייש פון אונזער פלייש, און בלוט פון אונזער בלוט... איך זאג אז מיר מוזן ריווידירן דעם דרייפוס־פראצעס, אין וועלכן עס ווערט טאג־טעגליך פערמשפט און געקרייציגט אנזער אונשולדיגער ברודער פון נצרת... ער געהערט צו יענע פלעיאדע העלדן, מיט וועלכע דאס אידישע פאלק האט בערייכט דעם מענשליכן פאנטהעאן: די נביאים, די יהודה הלוי און ספינאזא, די לאסאל, מארקס און גרשוני.

ישוע איז געווים דער גרעסטער פון זיי...

מיר ווילן איהם ווידער אהעקשטעלן ווי ער געהערט: אין דער געשיכטע פון אונזער פאלק אלס איינער פון אונזערע גלענצענדסטע העלדן, אלס איינער פון די ערשטע קעמפפער פאר אונזער סאציאלער און נאציאנאלער בעפרייאונג".

אויסצוג פון דר. זשיטלאווסקים פאלעמיק מיט די הערן ש. אנ— סקי און שמי.

(זעה „דאס נייע לעבן", באנד 1, ז. 621—631 און 728 —745).

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## מענדעל — **Mendel**

.קריסטוס פאר אונז איז ניט נאר א מענש, וואס האט געלעבט און איז געשטארבן צוויי טויזנט יאהר צוריק — איז א לעבעדיגע היסטארישע פער־זענליכקייט, וואס האט געלעבט די גאנצע צוויי טויזנד יאהר און לעבט נאך עד היום... זיין שעהנער בילד און זיינע הומאנע אידעען און גע־פיהלן לעבן אין די מוחות און הערצר פון די בעסטע מענשן".

(אויס זיין בריעף צו ד"ר זשיטלאָווסקי זעה „דאס נייע לעבן", באנד 2, ז. 35).

דער פועלי ציוניסטישער פארקעמפער

## זרבבל — **Zerubavel**

אויף דעם בארג גלגלתא האט ער (ישוע) א הייליגן בוים־הייל פערפלאנצט פון פרייהייט, ברו־דערליכקייט און מענשליכקייט...

(אויס דעם עסטרייכיש פועלי-ציוניסטישן ארגאן „דער אידישער ארבעטער").

מיר האלטן געקענט אנגעבן הונדערטער אזעלכע ציטאטן, אבער מיר קענען צופריעדן זיין מיט דעם, און זאגן דערצו — דינו *).

דאס זענען א פאר ביישפיעלע פון דעם, וואס אונזערע היסטאריקער און קריטיקער האבן צו זאגען. אבער קוים פרעגט מען די געעהרטע הערן: .דענקט איהר דאס א פרומער איד, א גרויסער העלד, א סאציאלר און נאציאנאלר קעמפפער, א. ז. וו. לייקנט גאר אפ, יוער און וואס ער איז ?" דאמאלס פיהלן זיי זיך ווי פון גיפטיגע פיילן געטראפן.

*) אויב דער לעזר וויל די פראגע אויספיהרליכר בעט־ראכטן, זעה שאלתיאל דער וואנדערינדר איד. יעזוס דער איד. פון פ. ווײנשטאָק. דער אידישער בליק איבר ישוע פון א. קולדעל, דאָס ליבעראלע אידטנטהום' פון ק. מאנ־טעפיאר, אלע אין ענגליש.

# די לערע פון ישוע הנצרי.

(ברית החדשה: לוק. כ')

BCU Cluj / Central University Library Cluj

און ס'איז געשעהען א טאג, ווי ער (ישוע) האט דאס פאלק געלעהרט אין בית המקדש און האט געפרעדיגט די בשורה טובה, זענען די ערשטע כהנים און די סופרים מיט די עלצטע צו איהם געקומען; און זיי האבען צו איהם געשפראכן און געזאגט: זאג אונז דורך וועלכע מאכט טהוסט דו דיזע זאכען, אדער ווער איז דער, וואס האט דיר דיזע מאכט געגעבען. און ער האט געענטפערט און האט צו זיי געזאגט, איך וועל אייך אויך א זאך פרעגן און זאגט עס מיר; די טבילה פון יוהנן איז זי פון הימעל געוועזן אדער פון מענשען ? און זיי האבען צווישען זיך געטענהעט און געזאגט, ווען מיר וועלן זאגען פון הימעל, וועט ער זאגן, ווארום האט איהר איהם ניט געגלויבט ? אבער ווען מיר וועלן זאגען פון מענשען, אזוי וועט אונז דאס גאנצע פאלק פערשטייניגען; ווארן זיי האבען גע־גלויבט אז יוהנן איז א נביא געוועזן. און זיי האבן געענטפערט אז זיי ווייסען ניט פון וואנען. און ישוע האט צו זיי געזאגט, יועל איך אייך אויך ניט זאגען דורך יועלכע מאכט איך טהו דיזע זאכן.

און ער האט אנגעהויבן צום פאלק דיזעס משל צו זאגען. א מאן האט א וויינגארטען געפלאנצט, און האט איהם איבערגעגעבן צו וויינגערטנער, און איז אוועקגעפאהרן אויף א לאנגע צייט. און צו דער צייט האט ער א קנעכט געשיקט צו די וויינגערטנער, אז זיי זאלן איהם געבען פון דער פרוכט פון דעם גארטען; אבער די וויינגערטנער האבען איהם געשלאגן, און האבן איהם לעדיג אוועקגעשיקט. און ער האט ווידער א אנדערן קנעכט געשיקט; אין זיי האבן אויך איהם גע־שלאגן, און האבן איהם צו שאנד געמאכט, און האבן איהם לעדיג אוועקגעשיקט. און ער האט ווידער א דריטען געשיקט; און זיי האבן איהם פערוואונדעט און ארויסגעווארפען. און דער האר פון דעם וויינגארטען האט געזאגט, וואס זאל איך טהון ? איך וועל מיין געליבטען זוהן שיקן טאמער וועלען זיי איהם אין כבוד האלטען; אבער ווען די וויינגערטנער האבען איהם געזעהען, האבן זיי צווישן זיך געטענהעט און געזאגט, דיזער איז דער יורש, קומט, לאזן מיר איהם טייטען, כדי די ירושה זאל אונזער זיין. און זיי האבן איהם ארויס־געװארפען פון דעם וויינגארטען, און האבען איהם געהרגעט. דרום וואס וועט דער האר פון דעם וויינגארטען צו זיי טהון ? ער וועט קומען און וועט

די דאזיגע ווייגגערטנער אומברענגנען, און וועט דעם וויינגארטען צו אנדערע געבען. און ווען זיי האבען דאס געהערט, האבען זיי געזאגט, חלילה. און ער האט זיי אנגעזעהען און געזאגט, וואס דען איז דאס וואס שטעהט געשריבען? „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה" — „א שטיין וואס די בוימייס־טער האבען פערווארפן, דער איז צום עקשטיין געווארן."

איטליכער וואס פאלט אויף דיזעם שטיין וועט צובראכען ווערן; אבער אויף וועמען ער וועט פאלן, דעם וועט ער צומאלן.

און די סופרים און די ערשטע כהנים האבן געזוכט איהם צו פאנגען אין דיזער שעה, און זיי האבן זיך געפארכטען פאר דעם פאלק; ווארן זיי האבן געוואוסט אז ער האט אויף זיי דאס משל געזאגט. און זיי האבן בעוואכט, און האבען אויס־שפעהער געשיקט, וואס האבען זיך פערשטעלט אז זיי זענען צדיקים, כדי זיי זאלען איהם פאנגען מיט א ווארט, איהם איבערצוגעבען צו דער מאכט און געוואלט פון דער ממשלה. און זיי האבען איהם געפרעגט און געזאגט: לעהרער, מיר וויסען אז דו רעדסט ריכטיג און לעהרסט, און דו ביסט קיינעם ניט נושא פנים, נייערט דו לעהרסט דעם וועג פון גאט אין ווארהייט; מעגען מיר שטייער געבען צום קייסער, אדער ניט? אבער ער האט פערשטא־נען זייער ליסט, און האט צו זיי געזאגט, ווייזט א מטבע, וועמעס בילד און אויפשריפט האט עס? און זיי האבען געענטפערט און געזאגט: דעם קייסר. און ער האט צו זיי געזאגט: דרום גיבט דעם קייסר וואס איז צום קייסר, און צו גאט וואס איז צו גאט. און זיי האבען איהם ניט געקענט פאנגען אין זיינע רעד פאר דעם פאלק, און זיי האבן זיך פערוואונדערט איבער זיין ענטפער, און האבן שטיל געשוויגען.

# א פאטער און 6 קינדער.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

„איין פאטער קען מעהר פון 6 קינדער נארונג גיבן און 6 קינדער קענען ניט נערען 1 פאטער". דאס ווערטל ווערט האפט מאל ערפולט אין דער וועלט.

א פאטער האט זיינע קינדער איבערגעגיבן זיין גאנץ פארמעגן: א שטיב מיט א גרויסן הויף, פעלד און אללע ווירטשאפטס-זאכן ער האט גע-האפט, אז די קינדער וועלן אים אויף דער עלטער אונטערשטיצן. נאך דעם אז ער איז בא זיין עלטערן זוהן א צייט־לאנג געוואוינט, האט זיך דאס דעם ציגענעסן.

„פאטער, זאגט ער, ס'איז בא אונז אין דיזער נאכט א קינד געבוירען, און דאס וויגעלע זאל שטעהן דארט, ווי דיין לייגשטוהל איז, ווילסט דו ניט זיך איבערציהען צו מיין ברודער, ווי ס'איז דא א גרויסע וואוינונג?". דער אלטער ציהט זיך איבער דארט. אין א צייט ארום איז דער זוהן מיד גע־ווארן אים צו האלטען און זאגט: „פאטער, דו ליבסט זעהר ווארם, מיר אבער טוהט וועה דער קאפ פון ווארם, ווילסטו ניט איבערגעהן צו מיין ברודער, וועלכער האט א בעקעריי? דארט איז ווארם". דער פאטער געהט, און א צייט ארום איז דער פאטער שווער געווארן אויך דעם דריטן זוהן, ער זאגט:

„פאטער, בא מיר איז א גרויסער ליארם, א סך געהן אריין און ארויס מעמאכט אן א רעש און די קענסט זיך ניט אויסרוהען נאך מיטטאג. ווילסט דו ניט צו מיינער שוועסטער געהן, זי וואוינט אין דעם שטאדט-מאהער, ווי ס'איז שטיל?" דער אלטער באמערקט ווי די זאך שטעהט און דענקט זיך: „איך וועל שוין בעסער צו מיין טאכטער געהן, די ווייבער האבן א ווייכער הארץ". נאך א געוויסער צייט, ווען ס'האט זיך זיין טאכטער אויך אנגע־געסן אים צו האלטען, זאגט זי אים, אז ס'טוהט איר זעהר וועה דאס הארץ, ווען זי זעהט ווי דעם פאטער איז שווער אראפ און ארויפצוגעהן אויף די טרעפ, ווען ער דארף געהן דאוונען, אבער ערגיץ אנדערש, בא איר שוועסטער איז נישטא קיין טרעפ, די טיהר איז גאנץ בא דער ערד.

אז ס'זאל זיין שלום האט דער אלטער איר מודה געווען, אז זי זאגט זעהר גלייך און ריכ־טיג און האט זיך איבערגעצויגען צו דער אנדע־

רער טאכטער. נאך א קערצער צייט איז ער אויך איר שווער געוועהן און זי האט אים געגיבן אונצוהערן דורך א דריטן, אז איר קוואַרטיר איז נאָרוועגט ביים וואסער און צו נאס פאר אזא אלטען מענשען, וועלכער האט נאך די רעוומאטיזמוס־קראנקייט, איר שוועסטער, וועלכע וואוינט אויף דעם בית־הקברות האט א טרוקענע שטוב. דער אלטער מיינט, אז זי איז טאקע גערעכט און איז איבערגעגאנגען צו זיין יונסטער טאכטער. אין צוויי טעג ארום וואס ער האט דארט געוואוינט, זאגט איר איינגעלע דעם זיידען: „די מאמע האט נעכטען געזאגט דער מימען, אז פאר דיר איז נישטא קיין בעסערע קוואַרטיר, ווי די, וואס מיין פאטער גראבט אוים פאר א מת“. דאס האט אזוי געבראכן דאס הארץ דעם אלטען, אז ער איז אנמאכט געפאלען אין זיין שטוהל און איז געשטארבן.

אזא מין ביישפיל פון קינדערס אנדאנקבארקייט קומט האפט מאל פאר אין לעבן. ס'איז שענדליך צו זעהן ווי קינדער זענען זיך אזוי נוהג מיט זייערע אלטע עלטערן, ווי זיי בעלוינען אזוי פאר דער ליבע, וואס די עלטערן האבן זיי געוויזן. אבער האפט מאל קומט פאר, אז עלטערן שנאדען די פרוכט, וואס זיי האבן געזייט; א שלעכטע ערציהונג גיבט אויך אירע בעזע פרוכט.

שמעו בנים אל הוריכם באדניגו כי ארח ישר הוא, כבד את אביך ואת אמך, זאת היא המצוה הראשונה שמתן שכרה בצדה, למען ייטב לך ולמען יאריכן ימיך על האדמה, ואתם האבות אל תכעיסו את בניכם וגדלו אתם במוסר אדנינו ובתוכחתו (בר. החדשה, אפסיים ו׳).—איר קינדער זייט בעהארכזאם אייערע עלטערן ווארן אזוי איז דער ישר, עהרע דיין פאטער און מוטער, דאס איז די ערשטע מצוה מיט בעלוינונג: ס'וועט דיר זיין גוט און וועסט לאנג לעבן אויף דער ערד. און איר עלטערן ברייגגט ניט אין כעס אייערע קינדער און ערציהט זיי אין דער לערע פון אונזער האר און אין זיינער שטראף“.

(פון דעם „שווייצער יוואנגעליסט“).

# דער איבער־מענשליכער משיח

BCU Cluj / Central University Library Cluj

פון דר. מ. גרען.

(פאָרטזעצונג.)

אין דער זעלבער מסכת (סנהדרין למ;ב) געפינט זיך א אינטערעסאנטער ויכוח צווישען א „מין“ (יהודי משיחי) און א רבי.

„אמר ההוא מינאה לרב אידית, כתיב, ואל משה אמר עלה אל ה׳ (שמות כד:א), עלה אלין; מבעי ליה? אמר לו, זהו מטטרון ששמו כשם רבו, דכתיב, כי שמי בקרבו (כג: כא) אי הכי, ניפלהו ליה?—כתיב „אל תמר בוי (שם), „אל תמירנו בוי. אם כן, „לא ישא לפשעכים“ (שם), למה לי? אמר לו „הימנותיא בידן, דאפילו בפרוונקא נמי לא קבילניה, דכתיב, ויאמר אליו אם אין פניך הלכים אל תעלנו מזה“ (לג: טו) :

„הימנותא בידן שאין בו כח לשאת פשעינו, ואנו נמי מ'אסנהו ומיאנו לקבלו אפילו בפרווקא, שליה מוציא ומוביא׳ (רשי׳).

די אנגעקליבענע בעווייזע *) וועלכע מיר האבן פארגעבראכט וואזן דייטליך אויף וויפיל די שול אויטאריטעטן זענען אין איינשטימונג מיט די שרייבער פון דער ברית החדשה, איבער די הויפט כאראקטער־זיצע פונ'ם משיח. און אין אמת'ן דארף עס גאר קיין וואונדער ניט זיין, ווען מען בעטראכט אז די משיח בעגריפע פון די הכמי התלמוד זענען בעגרונדעט אויף די זעלבע שטעלן פון תנ״ך, וועלכע, לויט די בעהויפטונגן פון דער ברית חדשה, זענען ערפילט געווארן אין ישוע הנצרי.

פארוואס איז עס דען, פרעגט זיך עס ווידער, אז ניינצען הונדערט יאהר לאנג האבן זיך די אידען לחלוטין ענטזאגט צו אונטערזוכן די משיח-אנשפריכע פון ישוע'ן, ווען זייער אייגענער משיח-אידעאל איז אזוי ענליך צו די דארשטעלונגן פון דער משיח־אמונה? פאר וואס זיינען זיי די גאנצע צייט פערבליבן אזעלכע ביטערע געגנער פון דעם משיח־גלויבן, בעטראכטענדיג איהם אלס א פרעמדער צווייג און אלס א געגענזאץ צו די פרינציפן פון משה אין די נביאים, ווען די בעגריפע פון דער שול זעלבסט איבער דער נייער תורה פונ'ם משיח

*) זעה די פריריגע גומערן פון „המכשר טוב“. רעד.

זענען אזוי נאהענט צו די לעהרען פון דער ברית הדשה ?

דער איינציגער ענטפער וואס דער איד זען אויף דעם גייבען איז, אז ישוע האט ניט פאלבראכט די ערלעזונג און ווידער־הערשטעלונג פון ישראל; אז דער משיח-גלויבן האט ניט פערווירקליכט די משיח־צייטען פון שלום און פריינדשאפט צווישען מענשן. וואס דער משיח האט ניט געזאלט זיין אדער טהאן, האט ער, לויט די נביאים האבן פארגעשטעלט, געדארפט איבער הויפט זיין דער אידישער ערלעזער, דער גואל ישראל. ער האט געדארפט אויפריכטן דאס אידישע פאלק, און זיין דער כבוד פון זיין פאלק ישראל. אלע אנדערע זאכן זענען ־בלויז געווען מיטלן צו דיזן צוועק, און דער משיח זעלבסט דאס ווערקצייג דורך וועלכען דאס אלעם האט געדארפט ערדייכט ווערן, ווי קענען אבער די אידן באטראכטן ישוע׳ן אלס דער ערווארטעטער משיה, ווען אנשטאט דעם אז זייער לאגע זאל זיך פארבעסערן, איז זי, זייט זיין קומען נאך אונגעהייער מעהר פערשלימערט געווארן.

די בעהויפטונג אז ישוע איז דער פערשפראכענער משיח ווייל געוויסע פסוקים פון תנ״ך זענען אין איהם ערפילט געווארן, האט ניט געקענט איבערציינן דעם אידן, אזוי לאנג ווי עס איז ניט פערווירקליכט געווארן דאס וואס דער איד האט בעטראכט אלס די הויפט אויפגאבע פונ׳ם משיה. דער איד האט אויך ניט געקענט בעאיינפלוסט ווערן פון דער בעהויפטונג, אז דיזע זאכן וועלן ערשט ערפילט ווערן צום צווייטן סומען פונ׳ם משית. אויב דער משיח דארף נאך ערשט ווידער קומען, זעט דער איד ענטפערן, וועלן מיר, וועלכע האבן שוין אזוי לאנג געווארט, בעסער צוריקהאלטן אונזער ענטשיידונג ביז ער וועט קומען; דאן וועלן מיר וויסען אויב עס איז ישוע אדער אן אנדערער, וועמען מיר האבן ערווארטעט.


# The Mildmay Mission to the Jews

**(str. Wl. Herț 10) (26 מיעטשאנסקי) זאאל „ב י ת ־ א ל"**

יעדען דיענסטאג 8 אוהר אבענדס, אויך שבת 4 אוהר נאך מיטטאג — און 6 אוהר אבענדס.

ווערן אפגעהאלטן דרשות און ערקלערונגען אויף געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוססגארמאניום וועגען דער ליעבע גאטטעס.

**דער איינגאנג פריי פאר אללע**

אים זאאל „ב י ת ־ א ל" איז אויך צו בעקומען המשים תנ״כ און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון קודש, רוסיש, ראמייניש.

**אבאנעמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי. 6 חדשים 7 לעי.**

Adresa: Redacția „Binevestitorul“ Expediț. N. Tarlev, str. Wl. Herț 10, (str. Unirei 26), Chișinău—Basarabia.


Tip. „Tehnic“, Chișinău.

Redacția și Administrația: Mision Englez „Mildmay“, L. Awerbuch

# הערצליכע ווערטער. *)

דאס לעבן פון דעם מענשען הייגגט ניט אב פון זיין פיל פארמעגן. [1]

דען וואס וועט העלפען א מענשען ווען ער זאל די גאנצע וועלט געווינען. און וועט זיין לעבן פערלירן? [2]

ווייל אלדינג וואס ס'איז אין דער וועלט, די תאוה פון דעם פלייש, די תאוה פון די אויגן און די גאוה פאן דעם לעבן, איז ניט פאן דעם פאטער, נור פאן דער וועלט. און די וועלט פארגעהט מיט איר תאוה; ווער ס'טהוט אבער דעם רצון פאן גאט, דער בלייבט אויף אייביג. [3]

אלעס איז מיר ערלויבט, אבער ניט אלעס איז פאר מיר גוט. אלעס איז מיר ערלויבט, אבער קיין זאך זאל איבער מיר קיין מאכט ניט בעקומען. [4]

שלעכטע געזעלשאפט פארדארבט גוטע מדות. [5]

די אונגערעכטע ירש'ענען ניט דאס מלכות האלהים ?... די גנבים, די וועלכע יאגן זיך נאך געלד, די זויפער (שכורים), די לעסטערער, די גזלנים, וועלן ניט ירש'ענען דאס מלכות האלהים [6].

יעדער, וועלכער טוהט א זינדע, איז א קנעכט פון דער זינדע. [7]

ווייל פאן וועמען איינער איז איבערוועלטיגט, דעמס איז ער אויך א קנעכט געוואהרן. [8]

דעריבער געפין איך א געזעץ, אונטער וועלכן איך שטעה: אז ווען איך וויל טאן גוטס, אזוי איז דאס בעזע אין מיר פאראן. דען נאך מיין אינוויינגיגסטן מענשען נאך בין איך מיט פרייד מסכים צו גאט'ס תורה. אבער איך זעה א אנדער געזעץ אין מיינע גלידער, וועלכעס ס'קריגט אנט-קעגן דעם געזעץ פון מיין שכל און זעצט מיך געפאנגען אין דעם געזעץ פון דער זינדע, וועל-כעס ס'איז אין מיינע גלידער. אה, אונגליקליכער מענש, ווער וועט מיך באפרייען פון דעם לייב פון טויט? [9]

דעריבער ווען דער זוהן וועט אייך פריי מאכן אזוי וועט איהר אין אמת'ן פריי זיין. [10]

דען גאט האט אזוי געליבט די וועלט, אז ער האט זיין בן־יחיד געגעבן, כדי יעדער, ווער ס'גלויבט אין איהם, זאל ניט פארלארן ווערן, נור האבן עביגעס לעבן. דען גאט האט ניט געשיקט זיין זוהן אין דער וועלט, כדי צו פארמשפט'ן די וועלט, נור אז די וועלט זאל דורך איהם גע-רעטעט ווערן. ווער ס'גלויבט אין איהם, ווערט ניט פארמשפט, און דער ניט גלויבינער איז שוין פארמשפט, דערפאר וואס ער האט ניט געגלויבט אין דעם נאמען פון גאטס איינציגן זוהן. [11]

דעריבער, מענער און ברידער, וויסט. אז דורך דיזן פריידיגט מען אייך פארגיבונג דער זינד און אין אלדינג, וואס איר האט ניט געקענט גערעכט ווערן דורך תורת משה, וועט גערעכט ווערן דורך איהם יעדער וואס גלויבט. אויף איהם זאגן אלע נביאים עדות, אז ווער ס'גלויבט אין איהם וועט מקבל זיין אין זיין נאמען סליחות עוונות [12].

ווען מיר זענען אבער מתודה אונזערע זינד אזוי איז ער, געטריי און גערעכט ער איז אונז מוחל אונזערע זינד און ריינ'גט אונז פון אלע אונגערעכטיגקייט. [13]

די צייט האט זיך דערפיהלט, און דאס מלכות האלהים האט זיך דערנעהנט. טהוט תשובה, און גלויבט אין דער בשורה. [14]

---

*) דיזע אלע פסוקים זענען פון דעם ברית החדשה:
1) לוקס, 12,15; 2) מתי טז, 26; 3) א יוחנן ב, 16-17; 4) א קארינטהער ו, 12; 5) א קארינטהער טו, 33; 6) א קארינטהער ו, 9,10; 7) יוחנן ח, 34; 8) ב פעטרוס ב, 19; 9) רומיים ז, 21-24; 10) יוחנן ח' 34-36; 11) יוחנן ג, 16-18; 12) אפאסטאל-געשיכטע' יג, 39-40; 13) א יוחנן 9 א, ; 14) מארקוס א, 15. 43-1

---


## זאאל „בית־אל”, מיעסטשאנסקי (str. Wl. Herț 10)

יעדען דיענסטאג 8 אוהר אבענדס, אויך שבת 4 אוהר נוך מיטאג—און 6 אוהר אבענדס.

**ווערען אפגעהאלטן דרשות און ערקלערונגען אויך געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פוסגארמאניום וועגן דער ליעבע גאטעס.**

**— — — דער איינגאנג פריי פאר אלע. — -.- — —**

אין זאל „בית־אל” איז אויך צו בעקומען המשים, תנ"ך און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון קודש, רוסיש, ראמייניש.

נאט איז מיין פעלז.

# צור ישראל.

ל. אוּוערבאך

1. מיין גאט, מיין פעלז געשוצט בין איך,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע.
מיט גרויסער ליבע פירט ער מיך,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע.

משוררים:

משיח מיין ערלעזער... ער טרייסט
מיין הערץ..
משיח, מיין ערלעזער, פון זינד און
שמערץ
ער איז דער צור ישראל.

2. אפילו ווען דער פיינד מיך קריינקט,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע,
משיח'ס ווארט נחמה ברייננט,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע.

3. ווען בערג פון צרות שטעהן פאר מיר,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע.
„האב גאר ניט מורא" זאגט ער מיר,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע.

4. דער עבּגער פעלז איז מיין יסוד,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע,
משיח טרייסט אויך אין דעם טויט,
א שוטץ אין צייט פון שטורמע.

5. מיין ליבער איד, ווען דו נישט ווייסט
איין שוטץ אין צייט פון שטורמע,
א, ווען דו צו משיח געהסט
ער שוצט אין צייט פון שטורמע.

BCU Cluj / Central University Library Cluj